# אבותינו בולעטין

718-640-1470

א קורצע איבערזיכט פון די וועכנטליכע אקטיוויטעטן פון אבותינו

לבנות חומה לשמירת המתים המופקרים.. לורך יותר מתכריכים ומלבושיהם.. חת"ס


## לרגל הילולא קדישא דרבינו משה בן ישראל זי"ע מ'קאברין

שב"ק כ"ט ניסן הבעל"ט

**הודו לד' כי טוב:** לשמחת לב החסידים מעלדן מיר אז אין די טעג וועט ב"ה נגמר בניית שלשה אוהלי קודש בביה"ח בעיר קוברין ברוב פאר והדר, שם חלקת מחוקק ספון מנוחת קדשו של רבינו **משה מקוברין** זי"ע. וזכות כל הצדיקים וקדושים בהביה"ח קוברין ובראשם הצה"ק רבי משה בן ישראל זלה"ה בודאי יעמוד לזכות נצחי לכל העוסקים והמנדבים בעם להוושע בכל מילי דמיטב אכי"ר.

ערשטע פרעכטיגער
אוהל נגמר בכי טוב



מספר 170

## אסיפה נחוצה לטובת הבתי חיים עם ראשי ושרי מדינת אונגארן

ערהארבענע אסיפה איז פארגעקומען ב' דחוה"מ פסח בבית ידידינו הרבני הנכבד

**מוה"ר משה אהרן האפמאן שליט"א**

בהשתתפות הרה"ג בנש"ק ר' ישעי' רובין שליט"א - אבדק"ק קערעסטיר ובני משפחתו שיחי' והרב החסיד ר' חיים אליעזר גראס שליט"א

The Hertige Foundation would like to thank the Honorable

| **Kristof Altusz** | **Dr. Ferenc Kumin** |
|---|---|
| Deputy State Secretary - Foreign Affairs | Hungarian Ambassador to the US |

For honoring us with their attendance at the impressive conference held on behalf of the Hungarian Jewish Cemeteries.
Their compassion, understanding and cooperation is recognized and appreciated by all those involved in the lofty mission of cemetery preservation.

- עס האבן זיך באטייליגט שרי המדינה וועלכע האבן ארויסגעוויזן גאר גרויסע אינטערעס צו שטיין צו הילף לטובת הצלת בתי חיים.
- מערערע פארשלאגן זענען אויפגעברענגט געווארן צו פארשנעלערן די ביוראקראטישע מניעות.
- גרויס הכרת הטוב איז ארויסגעוויזן געווארן פאר די חשובי שרי המדינה פאר זייער צושטיין לטובת המוסד עד כה.
- באזינדער איז באהאנדלט געווארן די אנקום פון פילע טויזנטער אידן קיין קערעסטער קומענדיגע וואך, צום יארצייט פון הרה"ק רבי ישעי'לע מקערעסטיר זי"ע, וועלכע ווערט אנגעפירט דורך די חשובע קינדער פון הרה"צ ר' מענדל רובין ז"ל, בראשות ידידינו הרה"צ ר' ישעי' רובין שליט"א וואס די רעגירונג האט פארשפראכן די פולסטע קאאפעראציע וואס נאר מעגליך.

## התעוררות'דיגע נסיעה ע"י נכדי יוצאי עיר וו. קאסטאלאן, סלאוואקיי

גרויס באגייסטערונג בעת די חשוב'ע בני המשפחה הידידים החשובים לבית הערצאג שליט"א

V. Kostolany, Slovakia - May 4 2016



משפ' הרב החסיד המרומם ר' יונה ז"ל זעהן פון די נאנט די הערליכע בוי ארבייט פונ'ם גדר און די מייסטערפולע איבערבוי פון די מצבות. עס איז אויפן פלאץ אונטערגענומען געווארן מיט די עסקני אבותינו גומר זיין בכי טוב די גאנצע עבוה"ק. זכות אבות יגן עלינו.



מספר 235

ווער להצלת הביה"ח בעיר פאנטיאש, רומעניע, בראשות הרה"ח ר' חיים הערש גאלדבערגער שליט"א

באנו בזה לברכך ברכת **"מזל טוב"** לבבות לחברינו היקר

הנה"ח בנש"ק הרב **יואל לייפער** שליט"א, להולדות בנו

ויזכה ביחד עם ב"ב שיחי' לראות רב שמחת ונחת לכט"ס

## בנין הגדר ותיקון המצבות — נאד-שאלוי, סלאוואקיי

פראיעקט 9 קיץ תשע"ו

מנו"כ של הרב החסיד ר' **אברהם ישעי' גליבער** ז"ל, וזו' מרת **אסתר** ע"ה

**יגעת ומצאת תאמין: בעהשי"ת נאך פילע יארן השתדלות זכינו לראות פרי עמלינו לטובה**

תיקון הביה"ח בראשות הוועד:

הרבני החסיד ר' **פנחס גליבער ומשפחתו הח'** שליט"א

הרה"ג ר' **אורי שווארטץ ובניו הח'** שליט"א

הרבני החסיד ר' **אהרן פערענץ ומשפחתו הח'** שליט"א

הרבני החסיד ר' **ישעי' בנציון זילבערשטיין** שליט"א

בהשתדלות: הרה"ג ר' **יואל** ברמ"א **גוטמאן** שליט"א,

האברך החשוב הר"ר **משה גליבער** שליט"א



בוי מאטריאל קומט אן צום ביה"ח

Nagysallo, Slovakia - April 2016

מספר 245



מען לייגט יסודות פאר'ן גדר

Nagysallo, Slovakia - April 2016



תיקון המצבות באמצע העבודה

Nagysallo, Slovakia - April 2016

## מודעה משמחת לטובת הצלת הביה"ח בעיר מערק, אונגארן - Mérk, Hungary

גרויס פרייד ביים ערהאלטן די נויטיגע פערמיטן צו קענען אנהייבן די בוי-ארבעט, פרטים און אות הכרת הטוב וועלן נאכפאלגן בע"ה.


Heritage Foundation For Preservation of Jewish Cemeteries (HFPJC)
616 Bedford Ave, Suite 2-B, Brooklyn, NY 11249 T: 718-640-1470 F: 718-228-8368 E: hfpjc@thejnet.com
**Affiliated Organizations:** London: Committee for Preservation of Jewish Cemeteries in Europe • E. Yisroel: Asra Kadisha


נתפרסם לע"נ דבורה רעכיל ב"ר מרדכי יודא ע"ה

צו ערהאלטן וועכנטליך די בולעטין אויף אי-מעיל, ביטע קאנטאקטירט אבותינו – hfpjc@thejnet.com • עס איז ערלויבט צו פארשפרייטן דעם בולעטין אינ'ם אריגינעלן פארמאט